Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Moskve, 1941

נײַרא לייה ניא קירוצ

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

## צוריק אין הייל אריַינ!..

און ווי דו זאָלסט די האק איבער די אקסל ניט פארהויבנ,
און ווי דו זאָלסט ניט אויסשפרייטנ דאָס פיַיער און דעמ רויכ
אפ ווילדער פיַיערונג פונ מאָרדנ און פונ רויבנ, —
שטיַיגסטו די מאלפע דאָכ ניט איבער אינ דער הויכ,
און ניט דעמ וואָרעמ — אינ באגערנ,
און ניט דעמ כאזער—אינ געוואג!
— איז וואָס זשע האָסטו נאָכ צו טאָנ אונטער די הויכע שטערנ
מיט דיַינ פארבלוטיקטער געקרויִנטער האק?

— צוריק אינ הייל אריַינ! — דורכ כורבנדיקע הויפטשטעט!
— צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש — אינ פלעט —
פארנעמ זיכ, קאניבאל, מיט האקנקרייצ און רויב-שטיינ
און אלצ, וואָס דו באגעגנסט אפנ וועג, — צעטרעט!
עס ווארפט די ציַיט פונ דער געשיכטע זיכ אראָפ
אנ אָפגעלעצעוועטנ אפ דער אקס זיכ,
באזעצ זיכ ווידער אינ א הייל, מיט הערנער ווער באוואקסנ,
דיר וועט זיכ נאָכקויקלענ מיַינ ברודערס אלטער קאָפ,
וואָס דו האָסט אָפגעהאקט פונ זיַינע אקסל...

אויב זענ דו קאָנסט, — איז קוק א וויַיל צו אימ זיכ צו נאָר,
דערקאָנענ וועסט אינ אימ דעמ שטאמ,
וואָס האָט דער ערשטער דיכ געלערנט זיכ ניט בוקנ צו דעמ דונער

און אָפּפּערונג ניט אופבּרענגענ צומ פלאמ;
אויב אומקערנ דו קאָנסט זיכ אפ א רעגע צומ פארשטאנד
און ס׳קאָנענ דייַנע אויגנ כאָטש א רעגע דיר געטרייַ זייַנ,
ווערסטו אינ אימ דערמאָנענ זיכ דעמ שטאמ,
וואָס האָט די קייט פונ דייַנע הענט געלערנט דיכ צערייַסנ,
ווענ איבער דייַנע מוסקולנ געוועלטיקט האָט די שרעק,
ווענ ניט געקאָנט האָסטו די הענט דייַנע פארשטיינ נאָכ,
און מיט דייַנ זייַנ האָט אינ דער פינצטערניש באַוועגט
די בלינדע קראפט פונ שטעקנס און פונ שטיינער...

נאָר ס׳איז דייַנ בליק אזוי, ווי פונ דער הייל וואָלסט קיינמאָל ניט
אוועק,

נאָר טיפער נאָכ אינ איר געניִדערט,
אפ וויפל ס׳האָט דאָרט פינצטערניש געקלעקט,
אפ וויפל האָסט אינ שרעק פאר איר געקניט דאָרט,
ווי דאנ, ווענ דייַנ בארופ — זיכ אָנצופרעסנ זאט
מיט שוואכערעס פונ זיכ אפ העפקערע געיעגנ,
האָסטו דייַנ מוט באַוויליקט און באַשטאַט
דורכ שארפ פונ ציינ און מאָס פונ נעגל.

אויב שענקענ וועט דיר נאָכ דער טאָג א טראָפּנ שייַנ,
אויב ס׳וועלנ זיכ אפ דיר ניט אָנוואַרפנ די שטיינער,
איז אינ פארקילטע אויגנ זייַנע קוק זיכ אייַנ,
פארבלייַב מיט אימ דאָרט איינ-אליינ נאָר
און לייענ אויס אינ זיי אָנ ראש,
און פארגעדענק, און אינ דייַנ פינצטערער געדעכעניש פארטייַע:
— פונ פייַער איז געבליבנ אש,
און דער געדאנק האָט זיכ געהארטעוועט אינ פייַער!

קוק אייַנ זיכ אינ זייַנ קאלטנ בליק, ווי אינ דער טיפ פונ צייַטנ,
און פונ דער ווייַטסטער ווייַט דערהער:

— זי דרייט זיך דאָך, די ערד,
אין טרוים אין ליכטיקן געלײַטערט,
און ניט די שפּיז, און ניט די שווערד,
און ניט די האַק, און ניט דער שײַטער
האָט אים זײַן אופגאַנג צווישן שטערן ניט געשטערט!

איז קוק זיך אײַן אין אים און זאָל דיר זײַן באַוווּסט:
מ'האָט אים געקעפּט. ער האָט אין שײַטערהויפנס אויך געברענט שוין.
ער איז אַ ייִד. ער איז אַ דײַטש. ער איז אַ שפּאַניער און אַ רוס,
און — שטאַרבט ניט. ניין! ער גיט דאָס לעבן אָפּ דער מענטשהײַט,
דער פרײַהײַט, און דעם פרילינג, און דעם גרינס,
און בלײַבט אין זיי אומשטערבלעך אייביק.
און דו? דו האָסט דאָך פריִ'ר פאַר אַלץ געגנישטערט אין זײַן מינץ,
די טאַשן פריִ'ר פאַר אַלץ אים אויסגעטרייבערט!..

נעם אויך זײַן קינד מיט זיך, וואָס האָסט מיט דײַנע הענט דערמאָרדעט,
ס'איז שוין פון אַלץ באַפרײַט,
און ס'איז שוין זייער ווײַט...
איז קוק אַפּ דעם, ווי לאַנג די אויגן זיך באַוועגן,
דו וועסט קיין מענטש דערנאָך אַ לאַנגע צײַט
ניט זען אַפּ דײַנע וועגן...
איז קוק און זיך געזעגן!
דאָס וויגעלע זיך וויגט אַ ליידיקס, אויסגעבעט מיט היי,
אַן איינזאַם בוך האָט שטיל געפונען זיך אַן אָרט דאָרט,
און ס'וויגן צוגווינטן דאָס וויגל מיט געוויין...
ס'איז מיר אַ שאַנד און ס'טוט מיר ווי —
איז וואָס? דו רוק נאָך אין דער פינצטערניש אַרײַן דײַן טעמפּע מאָרדע,
צעלאַך זיך, קאַניבאַל, און — גיי
צוריק דײַן לעצטן וועג — אַ בלוטיקער, פאַרשטויבטער,
צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש — אין פלעט —

צוריק אינ הייל אריינ מיט האקנקרייצ אונ רויב-שטיינ,
דעמ לעצטנ טאָג דיינעמ פארשיקער אונ צעטרעט!

ס׳באגלייט דיכ מאָרד, אונ רויב, אונ סרייפע,
אונ אָנגעיוירטע פעסט פונ גאָרנ לאנד;
די ווייטנ — אָנגעטאָנ אינ אומעט — זיכ צעלויפנ,
אונ וועגנ ווארגנ זיכ אינ טרויער אונ אינ שאנד.
האָסטו זיכ דענ געווינטשט א בעסערנ פאראד?
געטרוימט האָסט א באגלייט א רייכערנ דענ האָבנ?
דיינ ברוינער גיפט איז אָנגעזויפט אונ זאט,
עס עקלט נאָר זיכ צו דיינ ברוינעמ גיר דערגראָבנ;
ווארשיינלעכ איז עס — נאָבל בלוט פונ העכסטנ גראד,
וואָס איכ באשענקט מיט דעמ זיינענ בעסאלמענדיקע ראָבנ...
נאָר קיינער האָט אפ דעמ זיכ ניט פארטראכט,
ווי אפ דעמ נאָבל בלוט פונעמ שאקאל אונ פונ זיינ גירנ,
וואָס יאָגט אימ מיט געוואָי ארויס איבער דער נאכט
זיכ אָנפרעסנ צו זעט מיט פאדלע אונ פעגירע;
עס קערט זיכ בלויז אינ עקל אָפ די ערד,
אונ ס׳קאָנענ עס געוויקסנ ניט באגרייפנ,
וואָס די נאטור האָט מיט איר קלוג געזעצ אונ רעכט
פונ אומבייט שטענדיקנ אונ בליענדיקנ רייפנ
דיכ ניט פארניכטעט אונ פארווערט!

ס׳וועט עפשער א דרעסירער, היטנדיק א היכע צאמ,
אינ אומרו נאָכקלערנ פארוווּנדערט
וועגנ צווייפיסיקנ היבריד פונ כייע אונ פונ כאמ,
וואָס האָט זיכ אופגעביילט אינ צוואנציקסטנ יאָרהונדערט;
ער וועט פארכידעשט זיינ אונ קלערנדיק ארומגיינ:
— פונ וועלכע צייטנ האָט מענ דיכ געבראכט,
פונ וועלכנ וואלד, פונ וועלכע דזשונגלענ,

פונ וועלכער פינצטערניש, פונ וועלכער נאכט?
אונ ניט פאָטופּענ וועט זיכ עט אינ קאָפּ אים,
די אויגנ וועגדנ וועט ער ניט פארשטיינ ווהינ,
ווענ, ווי מיט שטיינער, וועט עס אים דעמ מוי׳כ צעקלאפּנ,
אונ אויסבריכנ נאָכ וועט אים, ווי די גאל, אייראָפּע.

אונ אז מיט שייטערס ביסטו דורכגעגאנ בערלינ,
ווי א פולקעפּעדיקע מאלפּע,
וואָס האָט צומ ערשטנ מאָל דערזענ דעמ מענטש,
אינ מי באזינט, אינ פרידלעכקייט געשטאלטיקט,
אונ אימ באגרייפנ ניט געקענט,
אונ אימ באפאלנ אונ — פארגוואלדיקט!
נו יאָ, ווי האָסטו אנדערש דענ געקאָנט באגיינ זיכ,
ווענ ס׳איז נאָכ העלדנטאט דיר אויסגעגאנ דאָס כייעס;
נו יאָ! ס׳איז קלאָר, אז צווישנ מענטשנ איז דיר אומרויִק אונ איינזאמ,
אונ גוט אונ היימלעכ — צווישנ כייעס...

דערצייל, דערצייל אימ, דעמ דרעסירער, קאניבאל,
אז אפּ דיינ ברוינער פעל, אפּ דיינע רויבערישע נעגל
האָט זיכ די צייט אוועקגעזעצט מיט גוואלד
אונ קעגנ דיינ פארלאנג גענומענ דיכ באוועגנ, —
דערצייל, דערצייל וועגנ דיינ גרויסנ צאר,
אז גלאט אזוי, אז אפּ בייזווונדער
האָט אפּנ האלדז די צייט דיר אָנגעטאָנ א קאלענדאר
פונ צוואנציקסטנ יאָרהונדערט,
אונ דו האָסט אָפּקומענ באדארפט —
זיכ פאר א מענטש פארשטעלנ ביזנ גרונט דאָרט.
איז עס פאר דיר געווענ צו טראָגנ אזא אָל דענ?
צי דענ איז פאר דיינ קוי׳כ געווענ צו טראָגנ אזא מוז?
איז האָסטו איר —

דער צײַט —
א קריג געמאָלדן
מיט אלץ, וואָס האָסט פארמאָגט אין דײַן רעשוס,
מיט אלץ, וואָס רײַף געווען אין דײַן באגריף איז;
די לײַז האָסטו פארגיפטעוועט מיט פעסט,
די שטשורעס אָנגעשטעקט מיט טיפוס,
און האָסט זיי גרייט געמאכט און פעסט, —
אז אָנגרײַפן מיט זיי אין קאָן
זאָלסט קאָנען ווי געהעריק!

נו, וואָס? ס'האָט יעדער זיך באוואָפנט, ווי ער קאָן,
ס'האָט ווער — מיט לײַז, און ווער — מיט שטערן!

ער ווייסט עס, דער דרעסירער, פון לאנגאָנען,
אז אין דײַן מויעךווירבלט זיך די רייןבלוטיקע לויז,
וואָס דארף דיך זײַן די שטיצע און דער אָנלען,
אז אופטרעטן זאָלסט קאָנען אין דײַן גאנצער גרויס, —
איז דו דערצייל אים, קאניבאל,
ווי דו באפרײַט האָסט פון דער שווערער לאסט זיך,
ווי ס'האָט אין דיר דער אוראלט אופגעלויכטן באלד,
ווען האָסט דײַן גאנצע פינצטערניש צעכראסטעט
און אָפגעלאָזט זיך בושעווען, ווי א טײַפון,
פאר שארבנס און פאר שווערד צעבראָכענע אין שלאכטן,
און ניט געוווּסט אליין נאָך וואָס צו טון
מיט די געבליטן מיט די כוישעכדיק־צעשפארטע;
און פײַערלעך האָסטו צוערשט באפעלט
צו דײַנע דינער די געטרײַסטע,
ס'זאָל בא דעם אָפגלאנץ פון דײַן ברוינער פעל
א הוליע טאָן דאָס פײַער אפן דײַכסטאג!
דערנאָכדעם — אלץ, וואָס ברענען האָט געקאָנט,

און יעדערער — וואָס איז א קאָפּ באזעסנ,
און פרײַ און פריילעכ האָט איר זיכ געטאָנ, —
דײַנ מאלכעסדיקע האק און דײַנ יערושעדיקער מעסער, —
און אומברענגענ האָסטו געלאָזט זיכ שטעט,
און אומברענגענ געלאָזט האָסטו זיכ לענדער,
זיכ צוגעײַלט, אז ס׳זאָל ניט זײַנ צו שפּעט,
אז זאָלסט באצײַטנס האָבנ אלצ פארענדיקט!

אצינד, דורכ שווינדלדיקנ ראש פונ מאָרד און פונ צעשטערונג,
באזויפנ שפּאנסטו, קאניבאל, פונ קריג צו קריג.
די צײַט אנטלויפט פונ דיר דורכ וועגווײַזער פונ שטערנ
און שטויסט דיכ אָפּ צוריק;
— איז גיי
דײַנ לעצטנ וועג דורכ כורבנדיקע הויפּטשטעט
צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש מיט רויב באשטאָפּט;
— איז גיי
און טוליע, טוליע צו דײַנ בלוט-פארפלעקטער האק זיכ,
באזעצ זיכ ווידער אינ א הייל,
מיט דערנער ווער באוואקסנ
און גיב דער פינצטערניש זיכ אָפּ —
עס ווארפט די צײַט פונ דער געשיכטע דיכ אראָפּ!

צו אונדזער ראנד ט׳זיכ צוגערירט דײַנ עקלהאפטער שאָטנ,
פארשמעקט האָט אים דאָס גאָלד פונ אונדזער בלײַענדיקנ ווייצ;
דאָ איז דײַנ גרוב אפ יעדנ שפּאנ, וואָס האָסט באטראָטנ,
דאָ איז די שווערד — דײַנ קײַווערדיקער לעצטער קרייצ!